האבן אונז געגעבן ווערט דער ענין פון פדה בשלום אז מ'מאכט אוף אויך דעם ענין פון גמ"ח, אז עס זאל זיין א ארט עס זאל זיין דער עוסק בתורה, און עס זאל זיין דער מתפלל עם הצבור, און די ביידע ענינים זאל זיין אין א אופן ניט אז דער אויבערשטער געפינט זיך דארט אין גלות, און זען זעט מען א בילדינג וואס קאסט א מיליאן דאלער, און ניט אז אידען געפינען זיך דארט אין גלות, נאר זען זעט מען אן אמעריקא, נאר עס ווערט געבויט אין א אופן אז פדאני לי ולבני, איז זעט מען דארט אן ג-טליכקייט, און זען זעט מען דא דעם אויבערשטען און זען זעט מען א אידען, ווי א איד האט אויסגעזען מיט הונדערט יאהר צוריק און מיט טויזענט יאהר צוריק, ביז ווי א איד האט אויסגעזען אין די צייטען פון יעקב אבינו, און בשעת עס איז דא די בנינים וואס מ'בויט דורך גמ"ח פאר תורה ותפלה אין א אופן פון פדאני לי ולבני מבין אוה"ע, דעמאלט ברייגגט דאס אראפ א תוספת ברכה והצלחה, אז דער אויבערשטער גיט עם דעם עשר בשביל שתתעשר, ע"ד ווי ס'איז געווען דעמאלט בא יוסף'ן אז ער איז געווארען דער מושל בכל ארמ"צ.

און מתוך שמחה וטוב לבב איז ער מוסיף אין דעם ענין פון גמ"ח פאר דעם צווייטען און הייבט אן אויך קובע עתים זיין פאר זיך אליין, אויף לערנען תורה, און אויך מתפלל עם הצבור, ניט פארגעסן אז ער דארף דאוונען בצבור, ניט קוקענדיק אויף דערוף וואס ער איז מושל בכל ארמ"צ, און ער טוט דאס מתוך שמחה וטוב לבב אין א אופן פון מוסיף והולך מוסיף ואור.

* * *

ד. בא אידען הייבט זיך דאך אלץ אן פון תורה, בשעת איך האב געטראכט וועגען וואס פאר א מאמר צו חזר'ן איז אבגעקומען א ביכל וואס יצא לאחרונה לחירות מן השבי', פון רוסלאנד, וואס דאס איז אנגעקומען לעצטעגס, וואס דאס איז עטליכע מאמרים, וואס דאס איז אמת טאקע הנחות אבער אזויגע הנחות וואס אין כתי"ק האב איך דערווייילע ניט געפונען, און צווישען זיי אויך א מאמר פון יט"כ פון תרל"ב פון דעם רבי'ן מהר"ש, און ער הויבט זיך אן פדה בשלום נפשי: (והמשך המאמר פדה בשלום נפשי וגו').

* * *

ה. מ'האט דאך פריער גערעדט אז דער ענין פון יט"כ איז דאך דא בכל העניגים מלמעלה מעלה ביז מטה מטה, ווארום דאס איז דאך פארבונדען אנהייבענדיק פון פנימיות התורה, וואס אין זהר רופט ער דאס אן בשם בשמתא דאורייתא, אז אין תורה גופא איז דאס די נשמה פון תורה, און תורה איז דאך די נשמה פון דער וועלט ווי מ'זאגט בראשית בשביל התורה שנק' ראשית, איז וויבאלד אז עס קומט צו א ענין אין בשמתא דאורייתא קומט צו א ענין אין גופא דאורייתא, אין גופי תורה, במילא מוז אויך אנקומען א ענין אין דאס וואס תורה בכללותה איז איהר נשמה, וואס דאס איז דער ענין כל העולם כולו, את השמים לרבות צבאיהם ואת הארץ לרבות צבאי', וואס אויף זיי זאגט מען אז זיי זיינען בראשית ברא, ברא צוליב וואס צוליב התורה שנק' ראשית, איז וויבאלד אז אין תורה איז צוגעקומען א ענין קומט צו אין דאס וואס איז באשאפען געווארען צוליב דעם.

וואס דאס איז דאך בכלל דאס וואס עס קומט אראפ דער פס"ד אויך אין נגלה, אז בשעת תורה פסק'נט א דין איז דאס משנה מציאות, און ווי ער טייטשט אפ אין ירושלמי, אויף לא-ל גומר עלי, אז בשעת ב"ד פסק'נען וואס זיי האבען דאך דעם כח פון תורה אויף צו באשטימען, ווען עס איז ר"ח און ר"ח איז דעמאלט ווערט א שינוי אין מציאות, צי בתולי' חוזרין צי בתולי' אינן חוזרין.

וואס ע"ד ווי גערעדט אין מאמר אז דאס איז געגעבן געווארען פון בי"ד קומט דאס דערנאך אראפ לכל אחד ואחד מישראל, אויב ער פירט זיך באר ע"פ הוראה פון דעם . בי"ד, וואס דערפאר איז דאך אויך דער אובטערשייד ווי די משנה און די גמ' איז מבאר אין הוריות אז אויב ער איז סומך אויף הוראת בי"ד דעמאלט גייט ער אינגאנצען אויף דעם חשבון פון בי"ד, אויב אבער ער טוט אפילו ווי בא בי"ד איז אויסגעקומען, ער טוט דאס אבער מצד דערוף וואס בא עם איז דאס ע"פ שכלו ווערט ער א יחיד און ניט א חלק פון קהל, ווי דארט איז די נפק"מ אנטקעגען דעם ענין פון יוצא זיין מיט פר העלם



הנחה פרטית בלתי מוגה

דבר וכו'.

וואס דערפון איז אבער פארשטאנדיק אז בשעת ער גייט לויט הוראת בי"ד ניט ארייננטראכענדיק צי אתם מוטעים צי שוגגים צי מזידין, דאס איז ניט זיין ענין דאס איז דער ענין פון בי"ד, דעמאלט איז אפילו מוטעים און אפילו שוגגים און אפילו מזידים זיינען זיי משנה דעם מציאות, וויבאלד אז תורה האט זיי געגעבען דעם כח אויף דעם. און תורה איז דאס צוליב וואס עס איז באשאפען געווארען שמים וארץ.

וואס דערפאר איז תורה איז דער בעה"ב בדוגמא ווי נשמה ווערט בעה"ב אויף גוף, אויב נאר דאס איז א נשמה בריאה און א גוף בריא.

וואס דער ענין וואס האט אופגעטאן במיוחד אין פנימיות התורה, וואס דערפון וועט מען דאס אויך פארשטיין בנוגע לעולם, איז דאס דער ענין וואס ער זאגט אין דער שיחה הידועה אז יפוצו מעינותיך חוצה.

אז אזוי איז דאך פנימיות התורה, נשמתא דאורייתא, געשטאנען אין א אופן ווי נשמה שטייט, ניט מ'קאן דאס טאפען, ניט מ'זעט דאס מיט די אויגען און ניט מ'קאן דאס שמעקען מיט'ן נאז, נאר וואס דען מ'זעט די פעולות שבזה. האט אופגעטאן דער ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה אז פונקט אזוי ווי מ'זעט אין חוצה דעם גוף אזוי זאל מען אויך נשמתא דאורייתא, די רזי תורה, די רזין דאורייתא, זאלען אראפקומען אין א אופן, אז זיי אליין זאל מען קאנען טאפען מיט די כלי המישוש פון שכל, בדוגמא ווי מ'טאפט מיט כלי המישוש פון שכל א ענין אין נגלה דתורה, אזוי זאל מען אויך קאנען געבען צו פארשטיין אין אזא מין אופן פון הבנה והסברה אויך א ענין פון מעיינות התורה, פון נשמתא דאורייתא.

וואס דערפון קומט אויך אראפ א הוראה אין הנהגת העולם, אין הנהגת עולם קטן זה האדם, ובמילא אין הנהגת עולם גדול, און דאס איז אז די נשמה מיט'ן גוף פון א אידען, דארפען אויך זיין אין אזא מין אופן אז ניט נאר אז מ'זאל וויסען אז נשמה איז בגופו דורך פעולות הגוף, נאר אז די נשמה אליין זאל זיך אנזעהן, ד.ה. אז אפילו אזוינע ענינים וואס איז מערניס א ענין של הנשמה, איז לכאורה איז וואס איז דא דער הכרח אז דאס זאל זיין אין א אופן, מ'זאל דאס קאנען אנטאפען ווי מ'טאפט א גוף, איז דאס איז דער ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה, ווי דאס קומט אראפ אין א דרגא שלמטה מזה, אז אויך א ענין פון א נשמה זאל מען דאס געבען אין אזא מין הגדרה והגבלה ע"ד ווי מ'גיט ענינ' הגוף.

וואס איז דאס בנוגע לפועל. אז אזוי איז דאך דער סדר געווען אז די וואס זיינען בבחינת נשמה פון עם ישראל, וואס דאס איז גדולי ישראל, זיינען זיי געווען אין ד' אמות שלהם, און פון וואנעט האט מען געוואוסט אז די און די שטאט האט א גרויסען רב, און די און די שטאט האט א גרויסען גאון, און די און די שטאט האט א גרויסען בעל מוסר, האט מען דאס געזען אין די אופפירונג ווי עס האט זיך אופגעפירט א אידענע אין מארק, וואס זי האט זיך אופגעפירט ווי זי האט געהערט פון דעם מאן, אדער פון דעם פאטער אין דעם היים, וואס ער האט געהערט ארייגגייענדיק בהיכל פנימה צו דעם רב אדער צו דעם בעל מוסר אדער צו דעם ראש ישיבה וגאון, ווי אזוי מ'דארף זיך אופפירען ביז למטה מטה, אבער דעם רב אליין און דעם בעל מוסר אליין האט מען ניט געזען אין מארק. און עאכו"כ אז מ'האט עם ניט געזען אין מארק זאכען.

ווארום ווי קומט ער, ע"ד ווי דער נוסח הידוע ווי קומט א בולקע אין אצילות, איז דאך די זעלבע זאך ווי קומט אצילות אין א בולקע.

האט מען אופגעטאן די סברא, אז עס דארף זיין יפוצו מעיינותיך חוצה אין תורה, אז רזי דאורייתא, פנימיות התורה, דארף אראפקומען אין הבנה והסברה מ'זאל דאס לערנען מיט אזא מין הסברה ווי מ'לערענט א ענין אין נגלה, וואס דערפאר איז אויך דער וואס ביז דעמאלט איז ער געווען בבחי' ראש פון עם ישראל, און בשעת מ'האט געדארפט עפעס פון עם הערען, האט מען זיך גערדארפט איין בעטען און בזמנים מיוחדים ארייננגייען צו עם, און הערען א ווארט און א הוראה, אדער ווארטען ביז עס וועט קומען ש"ת און שבת הגדול, וועט ער זאגען אזא מין לאנגען פלפול, ביז וואנעט אז אפס מינהו וועט זיין אויך בנוגע מעשה בפועל, עס איז אבער מערניט ווי צוויי שבתים א יאהר, איז געווארען דער שינוי הסדר פון די וואס גייען בעקבותיו פון דעם אלטען רבי'ן און די וואס האבען אופגענומען זיינע הוראות אז דער רב מיט דעם גאון מיט דעם

ראש ישיבה מיט דעם בעל מוסר, דארף מען זיי טרעפען אין מארק אזוי אפט ווי מ'זעט זיי אין ביהמ"ד און אין ביהכנ"ס, ובהיכלו בקודש, און דארטען זאל ער זען בצרת עמו ובעני עמו, ואין עני אלא בדעת (נדרים), ניט נאר די וואס זיינען עני בגשמיות נאר נאך מערער אזא מין וואס איז עני ברוחניות און ער זאל ריידען מיט יענעם, אויך דעם לשון און די אותיות וואס פאר יענעם איז דאס פארשטאנדיק.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז אויב ער וועט קומען צו עם צו גיין און וועט עם אנהויבען לערנען פלפולים און שקו"ט וכו' איז די מצוה פון לימוד התורה האט דער רב פאר זיך יוצא געווען, דער ענין אבער את המעשה אשר יעשון וואס די אידענע דארף וויסען צי דער הון איז א כשר'ער צי ניט, וועט זי דאס ניט קאנען ארויסקריגען כל זמן ער וועט ניט ברענגען די מסקנא צי כשר צי דער היפך הענין.

וואס דא מיינט מען דאך ניט - דער רמב"ם שרייבט אין הל' תשובה אז עס איז ניט ווי די וואס האבען א טעות אז תשובה דארף מען האבען אויף ענין המעשה, נאר בעיקר דארף מען דאס האבען אויף דעם ענין הדעות בלתי רצוים, וואס דערפאר איז אויך די הוראה אין דעם ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה ווערט איבערגעזעצט אין אותיות פון המון עם, אז די נשמה קומט אראפ ביז אין עקב שברגל, און פועל'ט דארטען אין א אופן אז מ'זעט אן אז עקב אשר שמע אברהם ווי באוואוסט דער טייטש, אז אין דעם עקב פון אברהם'ן, אין ענינים וואס דש בעקבו, האט ער אויך דערהערט אין דעם זעלבען אופן ווי ער דערהערט אין חוקתי מצותי ותורתי, דעמאלט פירט זיך אויס דער תכלית הכוונה פון יפוצו מעינותיך חוצה, ניט נאר אין ענין פון לימוד התורה נאר אויך אין ענינים פון עולם קטן זה האדם, און דערנאך קומט דאס אראפ אויך בנוגע ווי דער עולם קטן זה האדם, אתם קרוים אדם, טוען אין עניני העולם גדול אז בשעת ער האלט אין מיטען עסק און זאגט דעם צווייטען סוחר, אז הער זיך איין אזוי ווי איצטער איז זמן מנחה, לאמיר מפסיק זיין פון דעם געשעפט און דאווענען מנחה, און איז עם מסביר אז איידער מ'דארף דאווענען מנחה, דארף מען זיך מתבונן זיין בגדולת הא-ל און בשפלות האדם, וואס אזוי איז דאך געווען ביז יפוצו מעינותיך חוצה, האט מען אויך געוואוסט אז מ'דארף דאווענען מנחה און מ'פלעגט דאווענען מנחה, און ווי ער זאגט אין סדר היום יהא זהיר בתפלת מנחה, אז מ'פלעגט מפסיק זיין אין מיטען עבודת היום, און דאווענען מנחה, וואס אבער מ'האט ניט געוווסט אז אע"פ וואס עס שטייט אין שו"ע אז מ'דארף זיך מתבונן זיין בגדולת הא-ל און בשפלות האדם, שטייט דאס לכאורה אין די הלכות וואו עס רעדט זיך וועגן תפלת השחר, אבער ער שטעלט זיך דאך דארט, און דער יסוד איז דאך פון די משנה פון אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש, וואס דאס גייט דאך אויף אלע דריי תפלות, עאכו"כ אויף תפלת המנחה, וואס זי איז דאך אין מיטען טומעל פון וועלט.

און דעמאלט איז ניט נאר עס פירט זיך דורך דער ענין אז ער זעט דעם גוף פון א אידען אז ער שטייט און דאווענט מנחה בדיבור, און ניט נאר ער ווייס דעם פיה"מ און ניט נאר דאס פועל'ט ער בא א צווייטען אידען מיט וועמען ער האלט אין מיטען ריידען וועגען מסחר, נאר אויך עס זעט זיך אן די פעולה בפועל אז איז זיך פריער מתבונן, בשעתא חדא וברגעא חדא וועגען שפלות האדם און דער עיקר וועגען גדלות הא-ל און דאס איז די התבוננות אין אזא מין אופן אז עס איז ניכר דערנאך ווי ער שאקלעט זיך צו מנחה, און דערנאך איז שוין בדרך ממילא די הנהלת המסחר און די שקו"ט שלאחרי תפלה כזו, פירט זיך דאס אין אזא מין אופן אז עס איז ניכר אז דאס טוט א איד וואס האט זיך ערשט מתבונן געווען בגדלות הא-ל.

און אין דערויף איז דא צוויי אופנים אויף וויפיל עס פילט זיך די נשמה, אז עס פילט זיך די נשמה און עס פילט זיך דער גוף ווי צוויי באזונדערע זאכען נאר וואס דען זיי זייבען בשלום, עס איז דא א העכערע אופן אז עס פילט זיך נשמה וגוף אבער די נשמה איז שולט על הגוף, עס פילט זיך אבער גוף אויך, באר וואס דען ער איז א נכבע צו די הוראת הנשמה, דערנאך איז דא ווי דער אמת'ער ענין העבודה דארף זיין, אז גוף הערט זיך ניט אן.

וואס יעדער ענין איז דאך דערנאך נשתלשל ביז למטה מטה, א סימן פון א געזונטן מענטשען איז אז ער פילט זיין גוף מיט די הענט מיט די פיס מיט די רמ"ח אברים, בשעת ער הויבט אן פילען א האנט מיט א פוס מיט די הארץ מיט די קאפ, איז א סימן אז עפעס איז ניט בסדר מיט עם, וואס דאס איז דאך אויך דער לשון העולם, אז ער האט דערפילט אז ער האט א הארץ. וואס האט ער דאס דערפילט, ער האט הארץ ווייטאג ר"ל,

ועד"ז בנוגע צו דערפילן א פוס צי דער האנט.

און ווען איז א איד געזונט דעמאלט ווען ער ווערט א כלי לו ית', וואס אויף עם זאגט דער אויבערשטער ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר אלא בתוך כאו"א, וואס דעמאלט הערט זיך אן אידישקייט, און עס הערט זיך אן די נשמה זיינע, דער אתם קרוים אדם ע"ש וואס אדמה לעליון, ווי ער זאגט אין של"ה, און עס הערט זיך אינגאנצען ניט די רמ"ח אברים חומריים, און אפילו ניט די רמ"ח אברים גשמיים, מערניט ווי אלץ די כלי דורך וועלכע עס פירט זיך אויס די מצות תפלין אדער די מצות ציצית אדער די מצות צדקה וכיו"ב. עס הערט זיך אבער ניט אן קיין מציאות בפ"ע.

וואס דאס איז די כוונה אז עס זאל זיין דער יפוצו מעיינותיך חוצה, און ווי גערעדט פריער אז דערנאך קומט דאס אראפ פון בשמתא דאורייתא אין נשמה כפשוטה און אין נשמה גופא ווי דאס איז דער נפה"א, וואס זי איז דאך דער עיקר הנשמה, אז עס דארף אראפקומען אין א אופן ביז וואנעט אז גוף איז ניט קיין מציאות פאר זיך, נאר א מציאות וואס בדוגמא ווי אשה כשרה איז כל מה שקנתה אשה קנה בעלה, זי האט ניט קיין קנין פאר זיך, איז דאך ניט דער ענין אז זי האט א קנין נאר זי איז מסכים טאן מיט דעם קנין, ווי דער בעל וויל, נאר ס'איז מלכתחילה קנה בעלה, ועד"ז איז דאס אויך בנוגע צו קנין עבד, די וואס האלטען נאך ניט בא אזא מין דרגא פון בחינת אשה להקב"ה, אבער צו בחי' עבד איז דאך יעדערער שייכות וואס דאס איז דאך די ראשית העבודה ועיקרה ושרשה, איז דעמאלט איז ער א עבד ניט קיין מורד באדונו, ניט נאר וואס ער טוט ניט פארקערט, נאר אמיתית ענין העבד, אז כל מה שקנה עבד קנה אדון. ניט ער האט א ענין רכוש בפ"ע, און א מציאות בפ"ע און ער איז מסכים טאן דערמיט, אופפירען זיך ווי דער אדון וויל, דאס איז ניט קיין מציאות פאר זיך דאס איז ניט קיין נכסים פאר זיך, דאס איז אלץ נכסיו של האדון.

וואס דערנאך קומט דאס אזוי אראפ ביז אין פעולה בעולם, אז בשעת ער גייט אין וועלט און טוט עניני העולם, איז ווי גערעדט אמאל בארוכה די צוויי לשונות וואס ביידע ברייגנען זיך אראפ אין רמב"ם און דערנאך אין פסק הל' אין שו"ע כל מעשיך לש"ש בכל דרכיך דעהו, איז דאס ניט א ענין פון כפל ענין במליצות הלשון נאר עס איז צוויי באזונדערע עבודות, עס איז דא איין עבודה וואס כל מעשיך לש"ש, עס איז דא א ענין פון זיינע מעשים וואס ער טוט, אבער וואס איז די כוונה איז דאס ניט כדי לקבל שכר, און ניט כדי אויסנעמען בא א מענטשען און ניט כדי פארדינען געלט, נאר וואס דען לשם שמים. איז דא א ענין פון לשם שמים און עס איז דא א ענין פון מעשיך, און ער טוט די מעשים באופן כזה אז די כוונה זאל זיין לש"ש.

דערנאך איז דא א העכערער ענין וואס אויף דערויף זאגט די גמ' אין ברכות פרשה קטנה שכל התורה תלוין בה וואס דאס איז בכל דרכיך דעהו, דער ענין איז אז אין בכל דרכיך וואס זאל זיין פון זיך זאל זיין דעהו, זאלסטו וויסען דעם אויבערשטען, דורך וואס ווייס מען אויבערשטען, איז ניטא קיין אנדער וועג דורך דערויף וואס מען ווייס זיין תורה, דורך דערויף וואס מען איז מקיים זיינע מצות. לכאורה בכל דרכיך שרייבט דער רמב"ם איז דאס באכילתו ובשתייתו ווי אזוי וועט ער מקיים זיין דעהו דעם אויבערשטען באכילתו פונקט אזוי ווי ער איז דעהו דורך דערויף וואס ער לערנט זיין תורה, איז די קשיא איז טאקע קשיא, און בתחלת העבודה איז די אכילה מערניט ווי לש"ש, דערנאך אבער קומט ער צו צו א העכערען אופן אז דאס וואס ער עסט איז דאס בדוגמא ווי אכילת שבת, וואס אכילת שבת איז דאך א מצוה, וואס א ענין פון א מצוה, איז אז בשעת ער עסט איז ער מקיים דעם אויבערשטענ'ס רצון, וואס בא דעם אויבערשטען איז הוא ורצונו אחד, איז דעמאלט איז דעהו, ער ווערט מתאחד מיט דעם אויבערשטען, ווארום בא יעדער ביסען איז ער מקיים ניט ער עסט כדי דערנאך קענען לערנען און דערנאך קענען מקיים זיין א מצוה, זיין עסן אליין איז אין אזא מין אופן אז דאס ווערט אליין א מצוה, בדוגמא פון אכילת קדשים בזמן שביהמ"ק הי' קיים, ועד"ז א ענין פון סעודת מצוה בסיום מסכת וכיו"ב, און נאך מער ובעיקר דער ענין פון אכילת שבת, וואס מצוה לענגו בבשר שמן ויין ישן, איז ווערט די אכילת בשר שמן ושתיית יין ישן ווערט דאס א ענין פון דעהו.

וואס אין דערויף קאן דאך אבער זיין די צוויי אופנים, אז אמת טאקע ער עסט א סעודת מצוה, ער פילט אבער דעם טעם פון דעם בשר שמן ויין ישן אויך, און דערנאך אויך איז דא נאך א העכערער דרגא אז ער פילט נאר דעם ענין הרוחניות שבזה. וואס

דאס איז לכאורה שייכות מערניט ווי צו יחידי סגולה. וכידוע דער סיפור פון דעם אלטען רבי'ן דער בעל הגאולה.

וואס עס איז דא די גאנצע אריכות, אז בשעת עס איז געווען א אורח, האבען זיך פאנאנדערגעטיילט די אנשי הבית ווער עס זאל עם משמש זיין אין הכנת המאכלים, וואס זאל יעדערער טאן, און מ'האט פארגעסן פאנאנדערטיילען ווער עס זאל צוזאלצען דעם מאכל וואס מ'האט עס צוגעגרייט אויף צו קאכען, און וויבאלד אז דאס האט מען פארגעסן זאגען איז סיי די בעה"ב'טע סיי די קעכן און די אלע אידענעם וואס האבען געטאן ארום דעם מאכל, האט יעדערע באזונדער אריינגעטאן אביסל זאלץ, און מ'האט דאס געטאן ווי צו א הידור מצוה דארף זיין אז עס זאל ארויס פון ספק אז עס איז דא א שיעור מלא, און דאס האבען געטאן אלע וואס האבען זיך געפארקעט אין קיך בא דעם מאכל, פארשטייט מען דאך וואס פאר א געשמאק עס איז געווען דערנאך אין דעם מאכל.

בשעת מ'האט דאס אריינגעטראגען צום עסן, איז געווען דער אלטער רבי ביים טיש און נאך פון גדולי ישראל, האט דער אלטער רבי געגעסן באכאבאנד, און יעבער האט זיך פארזוכט און האט אפגערוקט, האט אים דער אלטער רבי געפרעגט אז פארוואס עסט ער ניט האט ער געזאגט אז עס איז מורא'דיק געזאלצען, און ווי קומט דאס אז דער אלטער רבי קאן דאס עסן, האט עם דער אלטער רבי געענטפערט, אז דאס האט ער נאך זייענדיק ביים מעזריטשער מגיד אופגעטאן מיט זיך אז ער זאל ניט פילען קיין טעם במאכל.

וויבאלד אבער אז מ'דערציילט דאס אונז, לכאורה וואס איז דאס אונז בנוגע וויסען אויב דאס וואלט צו אונז קיין שייכות ניט געהאט, איז א סימן אז בזמנים מיוחדים און במעמד ומצב מיוחד קאן זיין אז אפס קצהו ושמץ מנהו, זאל קאנען זיין בא יעדער אידען אויך ביז אפילו בא א איש פשוט, און והראי' מ'זעט דאך במוחש אז בשעת א איד געפינט זיך במעמד של שמחה גדולה ביותר, איז דעמאלט אז מ'זאל עם אונטער רוקען א צוגעזאלצענע זאך אדער פארקערט וועט ער דאס איינשליגען און אופעסן און וועט ניט מרגיש זיין בטעם המאכל מצד דערוף וואס ער איז דעמאלט במציאות שמח ביותר און ניט אין דעם ענין פון דעם מאכל, אע"פ וואס ער מאכט א ברכה, און עסט אוף און עסט א שיעור וואס ער מאכט דערנאך א ברכה אחרונה.

וואס דאס איז ווי דער ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה ווי עס קומט דערנאך אראפ ווי דאס איז באכילתו ובשתיתו, עאכו"כ אז דאס קאן דערנאך אראפקומען בטיולו ובעניני מסחר, וואס דארט איז דאך א מענטש ניט אזוי פארקאכט, ניט אזוי פארנומען ווי בשעת האכילה.

וואס דאס איז דאך אויך כידוע דער סיפור אויף איינע פון די תלמידים פון דעם אלטען רבי'ן, אויף ר' בנימין קלעצקער, וואס ער איז געווען א סוחר מיט קלעצער, און דערנאך בשעת עס איז געקומען צו דעם ס"ה, פריער האט ער געשריבען די ציפערן פון דעם חשבון, דערנאך אבער בשעת עס איז געקומען צו מאכען דער ס"ה תמורת זה ניט וואס ער האט זיך געוואלט פאר אימיצען אויספיינען באר עס האט זיך בא עם אנגעשריבען א ס"ה האט ער אבגעשריבען אין עוד מלבדו.

וואס דער פירוש אין דעם, ניט וואס ער האט אופגעהערט טראכטען וועגן מסחר און האט אנגעהויבען טראכטען וועגן אין עוד מלבדו, וואלט ער דעמאלט ניט געשריבען אין דעם חשבון. עס איז אויך ניט דער פירוש אז ער האט געוואלט באווייזען, א קונץ, אז אט טראכט ער וועגן קלעצער, און דא קאן ער טראכטען וועגען אין עוד מלבדו, צוליב דערוף האט ער דאס ניט געדארפט ארופשרייבען אויף דעם זעלביקען צעטעל!

נאר בא עם איז דאס געגאנגען בדרך ממילא, אז בשעת א קלאץ קאסט כך וכך און די עבודה ארום דעם קלאץ קאסט כך וכך און דערנאך דארף מען צושרייבען וואס איז דער ס"ה, איז א מילתא דפשיטא וואס איז ס"ה פון פעולות האדם, בכל דרכיך דעהו, איז דאס אין עוד מלבדו.

וואס ע"פ האמור, וכאמור כמה פעמים, אז עס איז דא ענינים אין נגלה אז עס איז אומעגליך זיי פארשטיין אן די הסברה פון פנימיות התורה. און דאס איז וואס מ'האט גערעדט אין דעם פריערדיקען שבת בנוגע צו א פדר"א וואס לכאורה איז ער אינגאנצען ניט מובן, וואס ער זאגט דארט אז ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים ויברכהו ה'. זאגט ער אין מדרשים ובכ"מ אז וואס איז געווען די מאה שערים הונדערט